# עונג שבת

## פרשת מצורע תשס"ח

**גוט שבת אלע אידן.** אין דער היינטיגער פרשה רעדט די הייליגע תורה וועגן דעם כח הדיבור. קודם כל, איינע פון די סיבות פון צרעת איז געווען די עבירה פון לשון הרע, וואס איז אן עבירה מיט'ן כח הדיבור. זאגט דער דאבנער מגיד ז"ל, אז עס איז דא אויך א צווייטע וועג ווי אזוי די פרשה פון דעם מצורע ווייזט אויפן כח הדיבור. ד"ה דער כהן דורך זיין דיבור האט געפסקענט צי איינער איז טמא אדער טהור. פון דא זעט מען דעם כח הדיבור. אזוי ווי שלמה המלך ע"ה זאגט "מות וחיים ביד לשון." (משלי יח,כא) אויף די פסוק אין משלי זאגט דער ארחות צדיקים זי"ע "כי אין קץ למצוות שיוכל לעשות בלשון." (שער כ"ה – לשון הרע) איז לאמר דערציילן א מעשה וואס ווייזט אויף דעם כח הדיבור.

דניאל (נישט זיין עכטע נאמען) איז היינט א בעל הבית וואס מאכט ב"ה א שיינע פרנסה און ער איז "קובע עתים לתורה." אבער, דניאל איז נישט אייביג געווען אזא מתמיד. דניאל האט אמאל געזאגט אז "'דף היומי' האט געראטעוועט מיין לעבן." דניאל איז מסביר ווי אזוי...

"ווען איך בין געווען אין ישיבה, האב איך ליידער נישט אזוי שטארק מצליח געווען. עס איז שווער געווען דאס לערנען פאר מיך. וויפיל איך האב קונה געווען האב איך נישט אזוי גוט געדענקט, ממש א בחינה פון "קשה לשמוע וכו'" (אבות ה,יב) בקיצור, איין טאג ווען איך האב געלערנט אין בית מדרש אין ישיבה, האב איך געטראכט וועגן א גוטע קשה אויף די גמרא וואס איך האב געלערנט דעמאלט. איך בין אריבערגעגאנגען צו איינע פון די עלטערע בחורים אין דער בית מדרש און איך האב אים געפרעגט דער קשה.

ווען יענער האט געהערט מיין קשה, האט ער געזאגט צו מיר מיט א שמייכל "דניאל... אזא קשה איז א קשה וואס נאר אן עם הארץ וואלט געפרעגט! דו זאלסט גוט אריינטון אין דיין לערנען טאמער דו ווילסט נישט אויסוואקסן אן עם הארץ!"

"זיינע ווערטער האבן מיך געשניטן אזוי ווי א מעסער. איך האב זיך משער געווען אז ער איז לכאורה גערעכט, אז איך בין טאקע אן עם הארץ, און איך גיי קיינמאל נישט זיין בעסער. יענע טאג האב איך ליידער זיך מייאש געווען פונעם לערנען.

"נאכדעם וואס איך האב געענדיגט ישיבה און איך האב חתונה געהאט, האב איך כמעט נישט געעפענט קיין ספר. עס האט מיר זייער שטארק וויי געטון ווען מיינע קינדער האבן מיך געפרעגט שאלות אין זייערע לערנען און איך האב נישט געקענט ענטפערן. דאן אין תשמ"ב האט מען געמאכט דער דף היומי סיום הש"ס. אין מיין געגענט האט מען אנגעפאנגען נייע שיעורים. איך בין ב"ה אריינגעכאפט געווארן אין די גרויסע התעוררות פון יענע צייטן און איך האב אנגעפאנגען צו גיין צו א שיעור אין דף היומי. און הפלא ופלא! איך האב פארשטאנען דעם שיעור!

"בקיצור... איך לערן היינט דעם דף פונף מאל א טאג. ווי אזוי? איך גיי צו א שיעור אינדערפרי פארן לערנען, איך הער א שיעור אויפ'ן זעלבן דף אויף א טעיפ אויפן וועג צום ארבעט, און דאן נאכאמאל אויפן וועג אהיים פונעם ארבעט, נאכדעם גיי איך צו א צווייטע שיעור אויפן זעלבען דף נאכן ארבעט, און נאכדעם קוק איך איבער דעם דף אליינס אינדערהיים! און ב"ה ווייסטו וואס? נישט נאר דאס אז איך פארשטיי גאנץ גוט די גמרא, אבער דורך אזא סדר, געדענק איך אסאך אסאך תורה, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן! ב"ה, אז דף היומי האט געראטעוועט מיין לעבן!" מיט דעם האט דניאל געענדיגט דערציילן זיין מוראדיגע מעשה.

דער עונש פון יענע בחור וואס האט אוועקגעמאכט דניאל אין ישיבה יארן פריער איז שרעקליך. תורה איז חיים. "מות וחיים ביד לשון!" ב"ה אז דניאל האט געטראפן זיין וועג צוריק צו תורה לערנען. אבער פון דעם מעשה קענען מיר אלע נתעורר ווערן צו זיין מקפיד מיט די ווערטער וואס מיר זאגן צו יענעם. בפרט ווען מען רעדט צו יונגערע מענטשן, וואס ביי זיי מאכט עס אויס אסאך מער ווי אזוי מען רעדט צו זיי. דורך רעדן גוטס צו יענעם קענען מיר יענעם העלפן בויען א יסוד פון הצלחה פאר א גאנץ לעבן, און פארקערט קען מען חרב מאכן יענעמ'ס לעבן, דער אייבערשטער זאל אפהיטן!

יעצט קומט פאר דעם הייליגען יום טוב פסח. די הייליגע ספרים ברענגען אז פסח איז א בחינה פון "פה סח" דער מויל וואס רעדט. ד"ה, איינע פון די ענינים פון פסח איז, אז א איד מוז נוצן זיין כח הדיבור פאר גוטס, נישט אזוי ווי פרעה, "פה – רע," ד"ה די רייד פון א גוי וואס איז מטמא.

לאמיר ענדיגען די וואך מיט די ווערטער פונעם מדרש וואס זענען א געוואלדיגע חיזוק פאר אונז אין דעם ענין פון כח הדיבור. זאגט דער נביא: "אל תיראי תולעת יעקב." דו זאלסט נישט מורא האבן דו ווארם יעקב. (ישעיה מא, יד) פארוואס איז ישראל, די שפיץ פון דער בריאה, צוגעגליכן צו א ווארם, דער נידריגסטע בריאה? ענטפערט דער הייליגער מדרש: "מה התולעת הזו אין לה אלא פיה, כך ישראל אין להם אלא תפלת הפה. מה תולעת מתעקרת את האילן בפיה, כך ישראל מתעקרין בפיהם ובתפלתם גזירות רעות שמחשבין עליהם אומות העולם..." (מדרש תהלים פרק כב סימן כ) די אידן זענען אזוי ווי א ווארם וואס זיין איינציגסטע כח איז אין זיין מויל. פונקט אזוי ווי א קליינע ווארם קען דורכלעכערן דעם שווערסטען האלץ, קענען מיר אידן אויפטון מוראדיגע זאכן מיט אונזערע מיילער, ד"ה מיט אונזערע כח הדיבור. **גוט שבת אלע אידן.**

בירור ענין: לעצטע וואך ווען מיר האבן דערציילט דעם מעשה וועגן רב יוסף חיים זונענפעלד זצ"ל, האבן מיר געשריבן אז דער מעשה איז געשען מיט "עטליכע" הונדערט יאר צוריק, כוונתנו היתה ל"בערך" א הונדערט יאר צוריק.

נתרם לרפו"ש של הילד צבי אלימלך בן שיינדל, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים • לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל
נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 845) 362–3234)

דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)